בעזהשי"ת

# א רוף צו אלע רבנים! און צו אלע אידן!

## שמע ישראל! לא עת לחשות!

## יתומים היינו ואין אב - בארא פארק

## מר תבכה ואין מוחה דמעותיה!

**עת צרה היא ליעקב אשר כמוהו לא נהייתה וכמוהו לא תוסיף!**

# ווער איז דער שולד אין אלע יונגע אומשולדיגע קרבנות???

## ווי זענען די רבנים? ווי זענען די עשירים?

## פארוואס שטיצען זיי די פאלטשע רבנים???

## די גמרא שרייט: אם ראית דור שצרות רבות באות עליו, צא ובדוק בדייני ישראל, שכל פורעניות שבאה לעולם לא באה אלא בשביל דייני ישראל! (שבת קלט:)

התאחדות אברכים דסאטמאר, באבוב, בעלז, וויזניץ, קלויזנבורג, סטאלין.

# א רוף צו אלע רבנים! און צו אלע אידן!

## שמע ישראל! לא עת לחשות!

יתומים היינו ואין אב בארא פארק מר תבכה ואין מוחה דמעותיה!
עת צרה היא ליעקב אשר כמוהו לא נהייתה וכמוהו לא תוסיף

דריי אומשולדיגע יונגע קרבנות זענען אוועק געריסן געווארן, יעדער ווייסט די אמת'ע פראבלעמען וועגן די פאלטשע דיני תורות, און קיינער איז נישט מעורר און קיינער טוט גארנישט אפצושטעלן די ביטערע מגיפה פון די פאלטשע דיני תורות! איינער שרייט צניעות, איינער שרייט ווידיא, איינער שרייט אינטערנעט, אמת די לעצטע דערמאנטע זאכן ברענגן צרות, אבער דעם אמת וואס די תורה זאגט מפורש שרייט קיינער נישט. – מיר האבן אנגעפרעגט בעלי מקובלים, פארוואס עס איז געשעהן דער ביטערער אומגליק פון די טייערע הייליגע נפשות, האבן זיי געענטפערט אז דאס איז נישט אין זייערע עבירות נאר אין די זינד פון פאלטשע דיני תורות.

## ווי לאנג נאך וועלן אלע רבנים און ראשי הקהילות שווייגן!

דער נביא ירמי' שרייט: **אמר ה' עשו משפט וצדקה והצילו גזול מיד עושקו וכו' (ירמי' כ"ב ג')**.

דער ילקוט שרייט: אשמיהם של ישראל תלויים בראשי דייניהם (ילקוט שמעוני יחזקאל רמז שמא).

די גמרא שרייט: אין מסכת שבת (דף קל"ט ע"א): אם ראית דור שצרות רבות באות עליו, צא ובדוק בדייני ישראל, שכל פורענות שבאה לעולם לא באה אלא בשביל דייני ישראל . . ואין הקב"ה משרה שכינתו על ישראל עד שיכלו שופטים ושוטרים רעים מישראל כו'. - דער מהרש"א אין חדושי אגדות שרייט, וז"ל: ונראה... שפורענות אש היא הקשה שבכל פורענות, שמכלה את הכל . . ולזה אמר שכל פורעניות וכו', היינו פורעניות אש הכולל כל פורעניות שהוא מכלה הכל, לא באה אלא בשביל דיינים, כמו שהי' בסדום, כמפורש פ' חלק, והוא הטעם שהדין ישר הוא קיומו של עולם, וההיפך המעוות משפט הוא מהרס קיומו של עולם, והי' ראוי לבוא עליהם פורענות זה המכלה הכל כו'. עכ"ל.

והנה ידוע בשם הנודע ביהודה זצ"ל, שכל הנוגע ברכוש בני ישראל בגלות (על ידי עיוות הדין), הרי זה כנוגע בבבת עינו, ומי שמציל רכוש ישראל (על ידי משפט אמת), הרי זה כאילו הציל כל כלל ישראל.

ובמסת (סנהדרין דף ז') איתא: כל דיין שנוטל מזה ונותן לזה שלא כדין, הקב"ה נוטל ממנו נפשו.

עס ווערט געברענגט אין תו"כ (ויקרא י"ט ל"ה, הובא ברש"י עה"ת שם) לא תעשו עול במשפט, כל דיין המקלל את הדין, קרוי "עול" שנאוי ו"משוקץ" "חרם" ו"תועבה", וגורם לחמשה

דברים: "מטמא את הארץ" ו"מחלל את השם" ו"מסלק את השכינה" ו"מפיל את ישראל בחרב" ו"מגלה אותם מארצם", עכ"ל.

מיר פרעגן, רבותי! פארוואס אין א"י לונדון, אנטווערפען זענען די דיני תורות כשר, און דווקא דא אין אמעריקא די צווייטע גרעסטע שטאט וואס האט די גרעסטע אידישע קהילות אין דער וועלט זענען אלע דיני תורות פאלטש און קארופטעד!

פארוואס לאזט מען צו אז אזעלכע ביטערע גנבים און רוצחים ווי און זאלן בארויבן הונדערטער משפחות, וואס דאס מיינט אז פון דעם ליידן טויזנטער אידיש נפשות?

יעדער ווייסט גאנץ גוט אז יעדער נעמט זיי ווייל ער האט מורא דאס דער צווייטער שותף דער אמת'ר גנב וועט זיי נעמען, וועגן דעם פראבירט ער איינעם פון זיי צו כאפן קודם! צום סוף טוט ביידע בעלי דינים לייד, ווייל דער מיט האבן ביידע בעלי דינים אויסגעליידיקט נקי מיט די הילף פון די שותפים, די אזוי גערופענע בתי דינים משפטי סדום ועמורה.

**יעדער ווייסט אז און האבן אלע רבנים אין טאש, איינער פון זייערע הויפט שטיצערס איז דער דיין פון וואס רופט זיך א ראש בית דין, און לכבוד דעם איז ער א שיינער איד אין וויזניץ דמאנסי!,** (ווייל זיי ווייסן נישט דעם אמת ווער ער איז) **— דאס איז בלויז איינס פון די 4 בתי דינים ווי זיי כאפן אריין זייערע אומשולדיגע הייליגע קרבנות** (וואס דער סוף פון די קרבנות איז ל"ע הארץ אטאקס, מיט סטראויקס רח"ל)**, די אנדערע בתי דינים מיינן מיר דער סניף לדי"ת פון התאחדות הרבנים**[1]**, איז דער אזוי גערופענער די"ת פון אגודת הרבנים הרע-ב בראש,** (וואס יעדער ווייסט אז די אגודת הרבנים מיינט מען נאר ווייל די גאנצע ארגאניזאציע באשטייט נאר פון אים און נאך 2 קרוקס)**. עס איז אויך באוואוסט די רוצחים מאפיאנערן מיט פון פלעטבוש וואס זענען אפען מתיר מסירה און רציחה, און זעצן אריין היימישע אידן אין תפיסה, און ווען זיי הערן אז מען האט א איד אריינגעזעצט אין תפיסה זענען זיי מלא שמחה. אוי למה שהגענו! אלה אלוהיך ישראל!!!**

**אידן לאזט אייך נישט פארפירן פון די בתי דינים און פאלטשע בוררים וטוענים וואס פירן אן מיט די אסטראנאמישע**[2] **דיני תורה שווינדלעריי!!! וואס דאס איז שרעקליכע ווי-געשריי פון כלל ישראל.**

**געדענקט! מיר גיבן אייך א סימן, אויב ווילט איר וויסען אויב דער בית דין וואס איר ווילט גיין צו זיי איז א כשרע בי"ד און נישט קיין באנדע רויבערס, איז דער ערשטער סימן, אויב נעמען זיי אריין**

[1] מיר מיינען נישט חס ושלום די גאנצע ארגאניזאציע פון התאחדות הרבנים, מיר מיינען נאר דער סניף לבתי דינים, וואס פירן אן א באנדע רויבערס רח"ל.

[2] זייט מוחל און קוקט נאך די דידס פון די אזוי גערופענע רע-בנים וועט איר זען וויפיל הייזער און לאטס זיי פארמאגן, א חוץ די וואס האבן אלס אויף פאלטשע נעמען, וד"ל.

דעם און דער , איז א סימן אז דער בי"ד זענען די זעלבע רשעים ווי זיי רח"ל, און טרעטס נישט איבער זייער שוועל, ווייל עס קען אייך קאסטן מיטן לעבן ל"ע).

אלע רבנים ווייסן וואס עס גייט פאר ביי די בתי דינים, מיר שרייען געוואלד זיי זאלן זיך נעמען טוען, איידער עס ווערט צו שפעט.

- רבנים געדענקט! מיר האבן שוין אנגעגרייט 400 זעק, מיט שופרות, עס וועט זיין צו שפעט. מיר ווען אלע פאלטשע בתי דינים מנדה זיין!

- געדענקט!! מיר האבן אייך געווארנט!!! - פאלגט נאך די ווייטערדיגע מודעות.

די אויסווארפן פירן זיך אז ווען זיי זעען אז זיי פאלירן די דין תורה, שיקן זיי יענעם אין קארט, רח"ל. אזוי פירן זיי זיך, און עס קומט אויס אז לא די זה וואס א איד גייט צו א פאלטשע דין תורה, פארלירט ער דורך דעם זיינע געזעצלעכע רעכטן. רח"ל.

מיר קלאָגן מיט א פארבלוטיגט האַרץ פול מיט טרערן, מיר באַוויינען אונזער בראָך, אז מענטשען (בעסער געזאגט, שדים ורוחות אין צורה פון צוויי פיסיגע חיות*טורפות) זאלן האבן אין זיך אזוי פול חוצפה און עזות צו ברענגן אזעלכע חרבנות אויף כלל ישראל. זיי האבן שוין פארלוירן יעדעס ביסל בושה פון מענטשהייט. עס איז דאָך שומו שמים. זיי שעמען זיך נישט, נישט פארן בורא עולם, און אוודאי נישט פון כלל ישראל. עס האלט שוין אזוי ווייט אז זיי מיינען אז מיט כח און מוח וועלן זיי פארפירן גאנץ כלל ישראל.

מיר בעטן אלע גדולים, רבנים ואדמורי"ם כו', יעדער איד אשר יראת ה' נוגע ללבו צו ראטעווען דעם כלל ישראל פון אינטערגאנג ח"ו, זאלן עפענען זייער מויל ארויס צו זאגן דעם אמת וואס זיי ווייסן, און זאלן ארויסגיין אקעגן די שונאי ישראל רוצחי נפשות וואס ברענגען אום אומשולדיגע קרבנות, און זאלן צוהעלפען צום קאמפיין צו ראטעווען די אידן פון אומגליקן רח"ל.

**מורי ורבותי! עס איז געקומען די צייט, אויב די רבנים וועלן נישט טוען צו דער זאך, ארויסצוגיין בריש גלי' און ארגאנאזירן אן אמת'ן כשר'ן בית דין, וועלן מיר זיך מוזן אנטוען שק ואפר און ארויסגיין פראטעסטירן אין מאנהעטען אקעגען די פאלטשע בתי דינים, און זיי מפרסם זיין.**

**מיר האבן שוין ארגאניזירט אלע צייטונגען וואס וועלן דאס באשרייבן, מיר האבן שוין גענוג מיט געמאכט, עס האט שוין אפגעקאסט גענוג קרבנות רח"ל.**

**מיר ווילן פרעגן ווי זענען אלע אונזערע געטרייע ערליכע רבנים וואס נעמען פון אונז עשירים אזויפול געלט???**

**ווי זענען אלע אונזערע קהילות וואס דארפן זיך זארגן פאר אונז???**

**דער סך הכל איז: מיר בעלי בתים וועלן זיך נישט לאזן פירן מער ביי די נאז ווי ביז יעצט!!! מיר גיבן אייך א זמן, מיר וועלן ווארטן נאר ביז דעם פסח הבעל"ט, אויב עס וועט נישט געטוען ווערן ערנסטע שריט, וועלן מיר אליין טוען, און עס וועט דאן זיין צו שפעט. – פאָלגט נאך ווייטערדיגע באַריכטן.**

וה' יבער את הקוצים מן כרמו ונזכה לראות בנחמות ציון וירושלים תובב"א